אָקספֿאָרדער ייִדיש

# *OKSFORDER YIDISH*
# A YEARBOOK OF YIDDISH STUDIES

## I

**Edited by**
**Dovid Katz**

harwood academic publishers
in cooperation with the
Oxford Centre for Postgraduate Hebrew Studies

ISBN 3-7186-4979-9
ISSN 1044-3614

# *OKSFORDER YIDISH*

# A YEARBOOK OF YIDDISH STUDIES

## I

## 1990

Edited by
Dovid Katz
*Oxford Centre for Postgraduate Hebrew Studies*
*and*
*St Antony's College, Oxford*

harwood academic publishers
chur london paris new york melbourne
in cooperation with the
Oxford Centre for Postgraduate Hebrew Studies

*OKSFORDER YIDISH*
A YEARBOOK OF YIDDISH STUDIES

This series aims to inspire and publish scholarly work on Yiddish language, literature, folklore and cultural history.

Edited by **Dovid Katz**

Editorial staff: **Marion Aptroot, Johannes Brosi, Troim Handler, Devra Kay, Dov-Ber Kerler**

**Acknowledgements:** The launch of *Oksforder yidish* was made possible through the generosity of Sidney and Elizabeth Corob (London) and Professor Robert D. King (Austin, Texas). Additional support was received from Ms Miriam Devries (San Francisco), Dr Ralph Kohn (London), the Jewish Folk Centre (Sydney, Australia) and the World Council for Yiddish and Jewish Culture (Tel Aviv).

© 1990 by Harwood Academic Publishers GmbH, Poststrasse 22, 7000 Chur, Switzerland. All rights reserved.

ISBN 3-7186-4979-9
ISSN 1044-3614

Harwood Academic Publishers

Post Office Box 197
London WC2E 9PX
England

58, rue Lhomond
75005 Paris
France

Post Office Box 786
Cooper Station
New York, New York 10276
United States of America

Private Bag 8
Camberwell, Victoria 3124
Australia

This book is part of a series. The publisher will accept continuation orders which may be cancelled at any time and which provide for automatic billing and shipping of each title in the series upon publication. Please write for details.

No part of this book may be reproduced or utilized in any form or by any means, electronic or mechanical, including photocopying or recording, or by any information storage or retrieval system, without permission in writing from the publisher.

Printed in Great Britain by Bell and Bain Ltd., Glasgow

# CONTENTS


Dovid Katz (Oxford)
Yiddish in Yiddish 1

Marion Aptroot (Oxford & London)
Blitz and Witzenhausen: New Aspects of an Old Conflict 3

Majer Bogdanski (London)
Yiddish Culture in Prewar Piotrków (Pyeterkov) 39

Wladyslaw T. Bartoszewski (Oxford)
Jews in Polish Folklore 53

Joseph Bar-El (Ramat Gan)
Halachic Sources of Old Yiddish Words 65

Lewis Glinert (London)
On Mendele's Syntax in *Fishke der krumer* 77

Jeffrey Grossman (Austin)
Why do Literary Historians Ignore A. N. Stencl? 91

Shmuel Hiley (London)
On the Origins of Ashkenaz and Yiddish 107

Heather Valencia (Stirling)
Abraham Sutzkever's "Ode tsu der toyb" 115

Rakhmiel Peltz (New York & Boston)
The Politics of Researching Spoken Yiddish in the USA and the USSR 141

S.S. Prawer (Oxford)
In Honour of Professor Chone Shmeruk 159

Dovid Katz (Oxford)
Older Yiddish Lexicography: Sources and Methods 161

Menke Katz (New York)
Watchmaking in Mikhalishek 233

Robert D. King (Austin)
A Conspiracy and a Question Mark 247

Dafna Clifford (Oxford)
Irony in Arthur Schnitzler and Lamed Shapiro 253

Dov-Ber Kerler (Oxford)
Beginnings of Modern Literary Yiddish (1771–1798) 271

Joseph Kerler (Jerusalem)
My Teacher Elye Falkovitsh 317

Hadassah Shy (Beer Sheva)
Remnants of Yiddish in the German of Schopfloch 333

Chone Shmeruk (Jerusalem)
Yiddish Literature and Collective Memory: The Khmelnitski Pogroms 357

In memoriam: Hartog Beem 383

In memoriam: Florence Guggenheim-Grünberg 387

Seven Letters from Sholem Ash to Moyshe Sanders 391

Announcements 400

Acknowledgements 401

# פֿלאָרענץ גוגענהײַם־גרינבערג
# 1989 — 1898

אין ציריך איז דעם 14טן פֿעברואַר 1989 נפֿטר געוואָרן אין עלטער פֿון 91 יאָר, פֿרוי ד"ר פֿלאָרענץ גוגענהײַם־גרינבערג. דער גאָר באַוואוסטער נאָמען אירער וועט אייביק לעבן בײַ די וואָס גיבן זיך אָפּ מיט דער פֿאָרשונג פֿון דער שפּראַך, קולטור און געשיכטע פֿון די שווייצאַרישע יידן. במשך פֿון צענדליקער יאָרן האָט ד"ר גוגענהײַם־גרינבערג ערנסט און מיט פּראָפֿעסיאָנעלער עקשנות, אָבער אויך מיט אַן אמתן חוש פֿאַר דעם פֿאָלקס־כאַראַקטער פֿון מערבֿ־אַשכנזישע יידן, פֿאַרנומען זיך, צווישן אַנדערע פּראָיעקטן, מיט דער געשיכטע און פֿאָרשונג פֿון יידן אין דער שווײַץ און אין די שכנותדיקע לענדער, בפֿרט עלזאַס און דרום־דײַטשלאַנד.

זי איז געבוירן געוואָרן אין אַ יידישער היים אין בערן, די שווייצאַרישער הויפּט־שטאָט, דעם 30סטן אויגוסט 1898. לכתחילה האָט זי זיך געוואָלט פֿאַרנעמען, נאָכן פֿאַרענדיקן די מיטלשול, מיט דער קלאַסישער פֿילאָלאָגיע, אָבער היות ווי ס'וואָלט איר יענע יאָרן געווען זייער שווער באַקומען אַן אַקאַדעמישן פּאָסטן אַלס אַ ייד, איז זי לאחר־המעשה אַוועק לערנען דעם פֿאַך פֿון אַן אַפּטייקערקע, נאָך אײדער זי האָט פֿאַרענדיקט די שטודיעס אירע מיט אַ דאָקטאָראַט אין נאַטור־וויסנשאַפֿטלעכע לימודים. דער מאַן אירער, ה. גוגענהײַם, האָט געשטאַמט פֿון דור־דורות פֿערד־סוחרים, וועלכע האָבן געוואוינט און געהאַנדלט אין די צוויי דערפֿלעך ענדינגען (Endingen) און לענגנאַו (Lengnau) אינעם אַזוי־גערופֿענעם זורב־טאָל (Surbtal), וואו יידן האָבן זיך געהאַט באַזעצט בעת דער 30־יאָריקער

מלחמה (1648-1618). פֿלאָרענץ גוגענהײַם־גרינבערג איז פֿאַרלאַפּט געוואָרן פֿון דער געשיכטע פֿון אָט די ייִדן פֿערד־סוחרים, פֿון זייערע סאָציאַלע און קולטורעלע אײַנגעשאַפֿטן און — ועל כולם — פֿון זייער עקזאָטישער שפּראַך.

מער פֿון אומעטום אָבער וועט דער נאָמען גוגענהײַם־גרינבערג פֿאַרבלײַבן אַ בן־בית אין דער ייִדישער פֿילאָלאָגיע וואו ס'קומט באַלד אויפֿן זינען די גראַנדיעזע אַנטדעקונג אירע פֿונעם לעבן־געבליבענעם פֿאַרלוירענעם מערבֿ־ייִדישן דיאַלעקט אין דער שווײַץ וואָס איז פֿאַר דער וועלט פֿון ייִדיש־פֿאָרשונג אַנטפּלעקט געוואָרן אין איר אַרבעט "The Horse Dealers' Language of the Swiss Jews in Endingen and Lengnau" אין אוריאל ווײַנרײַכס *Field of Yiddish* I (ניו־יאָרק, 1954). אין זכות פֿון אָט דער אַרבעט איז גוגענהײַם־גרינבערג מיטאַמאָל געוואָרן אַ פּערמאַנענטע שטערנטע אין דער ייִדישער פֿילאָלאָגיע. פֿאַקטיש האָט זיך אָנגעהויבן איר פֿאָרשונג אויפֿן געביט מיט דער בראָשור *Die Sprache der Schweizer Juden von Endingen und Lengnau* וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין 1950 אין ציריך. ס'איז געווען די ערשטע פֿון צוועלף פֿאַרעפֿנטלעכונגען אין דער סעריע *Beiträge zur Geschichte und Volkskunde der Juden in der Schweiz*. אירע לינגוויסטישע באַשרײַבונגען איבערן ייִדיש פֿון דער שווײַץ און די שכנותדיקע שטחים האָבן זיך באַלד געגומען באַווײַזן אין פֿאַרשידענע ביכער, זאַמלביכער, זשורנאַלן און צײַטונגען.

„גוגענהײַם־גרינבערגס ייִדיש" נעמט אַרײַן עלזאַס און דעם דרומדיקן טייל פֿון באַדן און בייערן, בקיצור, די טעריטאָריעס וואָס דעקן זיך מיטן אַלעמאַניש־פֿרענקיש־בייערישן דײַטש. אַ גאָר וויכטיקער צושטײַער איז איר *Surbtaler Jiddisch* (פֿראַוענפֿעלד 1966 = העפֿט 4 פֿון דער סעריע *Schweizer Dialekte in Text und Ton*), אַ העכסט־פּראָפֿעסיאָנעלע לינגוויסטישע באַשרײַבונג מיט ענגער פֿאָנעטישער טראַנסקריפּציע און דער עיקר: ס'איז אַרויס אין איינעם מיט אַ פּלאַטע אַזוי אַרום אַז מען וועט אייביק קענען הערן די לעצטע געבליבענע קענער פֿונעם דיאַלעקט. ס'איז עד־היום דער איינציקער פֿאַל אין דער געשיכטע פֿון דער ייִדיש־פֿאָרשונג ווען ס'איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אי אַ לינגוויסטישע טראַנסקריפּציע אי אַ פּלאַטע פֿון אַן אומבאַקאַנטן ייִדישן דיאַלעקט אויף אַזאַ פּראָפֿעסיאָנעלן ניוואָ. דערצו האָט זי אַנטדעקט נאָך אַ פֿאַרלוירענעם דיאַלעקט:

דער ייִדיש פֿון גײַלינגען, וואָס ווערט באַשריבן אין איר *Gailinger Jiddisch* (געטינגען 1961). צווישן די אַנדערע וויכטיקע בײַטראָגן דאַרף דערמאָנט ווערן איר אַרבעט "Zur Phonologie des Surbtaler Jiddischen" (אין זשורנאַל *Phonetica*, 1958) און איר ווערטערבוך *Wörterbuch zu Surbtaler Jiddisch* (ציריך 1976).

גוגענהײַם־גרינבערגס קרוין־ווערק איז אָן קיין שום ספֿק איר שפּראַך־אַטלאַס, *Jiddisch auf alemannischem Sprachgebiet* (ציריך 1973) וואָס איז אַן אויסערגעוויינטלעך ווערק מכּמה טעמים: אַ שטרענג־וויסנשאַפֿטלעכער אַטלאַס פֿון אַן עסאָטערישן שטח פֿון אַ כמעט־פֿאַרלוירענעם מין מערבֿ ייִדיש. לאָזנדיק אויף אַ רגע אָן אַ זײַט די פֿראַגע מזרח צי מערבֿ, שטעלט מיט זיך פֿאָר גוגענהײַם־גרינבערגס ווערק דעם איין־און־איינציקן ריכטיק צונויפֿגעשטעלטן פֿאַרעפֿנטלעכטן אַטלאַס פֿון וו ע ל כ ן ניט איז ייִדיש: נאָך אַלעמען, איז ווילענקינס *ייִדישער שפּראַך־אַטלעס פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד* (מינסק 1931) געווען געבויט אויף פּאָסט־אינטערוויוען, ניט קיין פּנים־אל־פּנימדיקע. בעראַנעקס *Westjiddischer Sprachatlas* (מאַרבורג 1965) דערמאָנט בכלל ניט קיין אינטערוויוען און האָט ניט קיין שום לאָקאַלידירטע דאָקומענטירונגען. דער גראַנדיעזער ניו־יאָרקער *ייִדישער שפּראַך און קולטור אַטלאַס* איז נאָך ניט דערשינען.

גוגענהײַם־גרינבערגס קולטור־היסטאָרישע און פֿאָלקלאָריסטישע שטודיעס פֿאַרהיטן אויף אייביק אוצרות וואָס וואָלטן לחלוטין פֿאַרלוירן געגאַנגען ווען ניט איר אַרבעט. לאָמיר נאָר דערמאָנען פֿון דוגמא־וועגן עטלעכע פֿון זיי (אַלע אַרויס אין ציריך): *Aus einem alten Endinger Gemeindebuch* (1952); *Pfarrer Ulrich als Missionar im Surbtal* (1953); *Der Friedhof auf der Judeninsel im Rhein bei Koblenz* (1956); *Les Juifs en Suisse* (1963); *Judenschicksale und "Judenschuol" im mittelälterlichen Zürich* (1967); *Die Torawickelbänder von Lengnau: Zeugnisse jüdischer Volkskunst* (1967); *Die Juden in der Schweiz* (1976).

בײַ אַ פֿײַערונג בײַם ציריכער אוניווערסיטעט דעם 30סטן אויגוסט 1979 איז ד״ר פֿלאָרענס גוגענהײַם־גרינבערג באַערט געוואָרן פֿונעם טעאָלאָגישן

פֿאַקולטעט מיט אַ דאָקטאָר־טיטל „האָנאָריס קאַוזאַ". דער אוניווערסיטעט האָט איר צוגעטײלט דעם דאָקטאָר־טיטל „אָנערקענענדיק דאָס װיסנשאַפֿטלעכע לעבנס־װערק אירס: פֿאַר דער פֿאָרשונג פֿון שפּראַך, געשיכטע און פֿאָלקלאָר פֿונעם שװײצאַרישן ייִדנטום, װי אויך פֿאַר איר פֿערזענלעכער איבערצײַגעװדיקער איבערגעגעבנקײַט צו אירע ייִדישע מיט־גלײביקע אין משך פֿון שװערע יאָרן".

קומעדיקע דורות שפּראַך־פֿאָרשער, עטנאָלאָגן, לינגװיסטן און היסטאָריקער — פֿון דער שװײץ צי פֿון אײראָפּע בכלל, צי ייִדן צי ניט־ייִדן — װעמענס אַרבעטן האָבן אַ שײַכות צו די געביטן װאָס אויף זײ האָט געאַרבעט ד״ר גוגענהײם־גרינבערג, װעלן האָבן דעם מזל צו ירשענען פֿון אַן אוצר װאָס אין זײַן אַרומנעמיקײַט זוכט ער זײַנס־גלײַכן, פֿון אַן אוצר װאָס האָט אויפֿגעהיט, הן בכתבֿ הן בעל פּה אין די פּלאַטעס און טאַשמעס, דעם מהות פֿונעם דרום־מערבֿדיקן אַשכּנזישן ייִדן. זאָלן װײַטערדיקע אויפֿטוען אויפֿן געביט געװידמעט װערן דעם ליכטיקן אָנדענק פֿון ד״ר פֿלאָרענץ גוגענהײם־גרינבערג ז״ל.

י. ל. בראָזי